זעקסטער טייל

"היי! וואָס האָסטו זיך אַזוי פֿאַרגאַפֿיעט?״ -- האָב איך דערהערט וואַניאַס לאַכנדיקע שטים און דערזען פֿאַר מיר שטיין דעם קעלנער.

יאָ, וואַניאַ איז דאָס! דער זעלבער וואַניאַ מיטן זעלבןווילדן געלעכטער וואָס דענטוסמאָל, נאָך מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער.

ער האָט מיך האַרציק אַרומגענומען, ווי ער וואָלט צוריקגעפֿונען אַן אַלטן גוטן ברודער: ״איך וואָלט דיך אין לעבן נישט דערקענט! דו ביסט דאָך אין גאַנצן פּליכעוואַטע געוואָרן! דענטוסמאָל, נאָך אַ קליין ייִנגל געווען, און הײַנט שוין פּליכעוואַטע! הער, קליינער, אוי, אַנטשולדיק מיר, אָבער ווי רופֿט מען דיך?״

"דו קענסט מיך רופֿן קליינער, ווי אַ מאָל, אָדער קליינער פּאָליאַק, אפֿילו קליינער זשידליאַק, ווי דו ווילסט, ס׳מאַכט נישט אויס.״

וואַניאַ האָט אויף מיר אַ שאַרפֿן קוק געטאָן און געזאָגט: ״נו, הער שוין אויף! ס׳איז דאָך געווען דענטוסמאָל ... אָבער זאָל זײַן ווי דו ווילסט. אַלזאָ, הער, אין אַ צוואַנציק מינוט אַרום פֿאַרענדיק איך די אַרבעט און מיר וועלן זיך מער קענען אַדורכשמועסן. כ׳וועל באַלד אָנקלינגען אַהיים צו מײַן פֿרוי, אַז איך ברענג מיט זיך מיט אַ גאַסט צום אָוונטברויט, זי וועט זיך באַשטימט זייער פֿרייען.״

אויפֿן וועג אַהיים זענען מיר געגאַנגען צו פֿוס. וואַניאַ האָט געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן דער מלחמה, וועגן זײַן היים אין אוקראַיִנע, וועגן זײַנע קינדער-יאָרן. ״נו, זאָג שוין, ווי דו הייסט? כ׳וועל דיך נאָך נישט פֿאָרשטעלן פֿאַר מײַן פֿרוי און טאָכטער: אָט איז דער קליינער!״

"גוט, וואַניאַ, רוף מיך יעקבֿ.״

"אַזוי -- פֿאַרשטיי איך. דו האָסט אַ נאָמען! טאָ הער, יעקבֿ: כ׳דערמאָן זיך, ווען איך בין אַוועק פֿון צימער מיט דעם מיידל, ביסטו האַרט געשלאָפֿן, פֿאַרשטייט זיך, נאָך יאָרן אין לאַגער ביסטו ס׳ערשטע מאָל געשלאָפֿן אין אַ בעט, און וואָס פֿאַר אַ בעט! עס דאַכט זיך מיר, ווי דאָס וואָלט ערשט נעכטן געווען, ווי כ׳האָב דיך צוגעדעקט מיט דעם וואַרעמען דײַטשן בעטגעוואַנט און בין אַוועק מיט איר. ווי דו זעסט, האָב איך זי געשפּאָרט, נישט פֿאַרטיק געמאַכט, ווי די אַנדערע ... נו, דו ווייסט דאָך יאָ וואָס איך פֿלעג מיט זיי מאַכן ... אָבער דאָס איז געווען דענטוסמאָל אין דער מלחמה-צײַט. פֿאַרשטיי, לאָמיר רעדן אָפֿן, -- האָט דער אוקראַיִנער פּרובירט מיך איבערצײַגן -- ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן בין איך נאָך געווען אַ סמאַרקאַטש, קוים אַכצן יאָר אַלט. כ׳בין אַרײַן, ווי מ׳זאָגט, פֿרײַוויליק אין דער רויטער אַרמיי. אָבער איך האָב געהאַט מער מזל ווי שׂכל און מ׳האָט מיך אויפֿן פֿראָנט גלײַך נישט אַוועקגעשיקט. כ׳בין געבליבן אין קיִעוו אויפֿן פּונקטפּלאַטז פֿון וואַנען מ׳האָט אונדז געדאַרפֿט ערשט שפּעטער אָפּשיקן אויפֿן פֿראָנט. אָבער איידער וואָס ווען, איידער האָסט נאָך צײַט געהאַט זיך אויסצולערנען אַ שאָס צו געבן, זענען שוין די דײַטשן געשטאַנען הינטער דער שטאָט, וואָס איז געווען כּמעט אַרומגערינגלט פֿון אַלע זײַטן. עס האָט געהייסן, אַז ס׳איז זייער שלעכט און ביטער, אָבער, דעם אמת געזאָגט, איז צווישן אונדז, אוקראַיִנישע סאָלדאַטן, נישט געווען אַזוי ביטער אויפֿן האַרצן, ווי מ׳האָט געמיינט. פּונקט פֿאַרקערט. אַ חבֿר מײַנער, אַ סאָלדאַט, האָט אַ מאָל אין געהיים מיטגעבראַכט

מיט זיך אין דער קאַזאַרמע אַרײַן אַ פֿלוגבלעטל, וואָס די דײַטשן האָבן אַראָפּגעוואָרפֿן איבער דער שטאָט און עס איז געווען געשריבן שוואַרץ אויף ווײַס, אַז סטאַלין איז שוין קאַפּוט און אַז אוקראַיִנע ווערט באַפֿרײַט פֿון די קאָמוניסטן און ייִדן ... הכּלל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, אַז אַזוי ווי ס'איז כּלומרשט געווען שלעכט, האָב איך גאָר געפֿילט אַז ס'איז גוט, אַז די דײַטשן וועלן אונדז אין קורצן טאַקע באַפֿרײַען פֿון די קאָמוניסטן און פֿון די ... נו, וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט? כ'מיין דאָך נישט דיך! אָ, זײַ נישט אַזוי נאַריש ווי אַלע אײַעריקע! איין וואָרט און אַלץ קאָכט אין אײַך, ווי אין אַ קעסל ... איך וועל דיר זאָגן דעם ריינעם אמת: דאָס איז דערפֿאַר וואָס איר ייִדן זענט נישט פֿעיִק נקמה צו נעמען ... געלט זענט איר פֿעיִק צו נעמען, 'ווידערגוטמאַכונג!' אָבער נישט קיין נקמה! אַז מען נעמט נקמה ווערט מען רויִקער!"

"נו, וואַניאַ, פֿאָרויס, דערצייל ווײַטער!" -- האָט איצט אין מיר טאַקע אַלץ געקאָכט, ווי אין אַ קעסל...

"נו, ווּ האָב איך זיך אָפּגעשטעלט? ... אַ יאָ," -- האָט וואַניאַ ווײַטער דערציילט -- אין מיטן דעם גאַנצן געטומל האָב איך מיר געטראַכט: וואַניאַ, וואָס טויג דיר די גאַנצע חתונה? צו וואָס טויג דיר דאָ צו בלײַבן אין קיִעוו און אַרײַנפֿאַלן אין פּלען אַרײַן? בעסער הייב די פֿיס און צי וואָס שנעלער! די דײַטשן וועלן סײַ ווי סײַ דאָ אין קורצן זײַן.

און אַזוי איז טאַקע געווען. איך האָב זיך אין אַ שיינער פֿינצטערער נאַכט אויפֿגעהויבן און בין אַהיים געגאַנגען. ס'איז נישט געווען ווײַט ... בלויז אַ גאַנצע נאַכט צו פֿוס ביז צו מײַן דאָרף. וואָס זאָג איך דאָרף? אין גאַנצן איז דאָס געווען אַ קליינער ייִשובֿ, פֿון אַ צוואַנציק כאַלופּעס, אַ צוויי וויאָרסט פֿונעם קאָלכאָז. איך בין אַרויף אויפֿן בוידעם פֿון אונדזער כאַלופּע, זיך אײַנגעקאָפּעט אינעם היי און מיט זעקס טעג שפּעטער זענען שוין די דײַטשן געווען אין קיִעוו. ווען כ'בין אַראָפּ פֿונעם באַהעלטעניש, וואָס מיינסטו האָבן מײַנע אויגן געזען? -- אַז איך בין נישט דער אײנציקער, עס זענען נאָך געווען יאָלדן ווי איך, וואָס האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון די רויטע. הכּלל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, מײַן פֿרײַנד, עס האָבן זיך אָנגעהויבן נײַע צײַטן מיט אַ נײַער אָרדענונג. קיין גן-עדן איז נאָך ווײַט נישט געווען, אָבער מ'האָט גערעדט און געהאָפֿט, אַז ס'וועט זײַן בעסער, ווי נאָר די מלחמה וועט זיך פֿאַרענדיקן. דערווײַלע זענען געווען אויפֿרופֿן צו דער יוגנט אַז מ'זאָל זיך פֿרײַוויליק מעלדן צו העלפֿן פֿאַרניכטן דעם געמיינזאַמען שׂונא.

כ'האָב מיך געמאָלדן גענוי ווי אַ סך אַנדערע יונגע אוקראַיִנער האָבן דאָס געטאָן. און שטעל דיך פֿאָר, איך בין צוריק אַרײַן אין דער זעלבער קאַזאַרמע אין קיִעוו, ווּ כ'בין שוין פֿריִער געווען. דערווײַלע האָבן מיר געהאָלפֿן די דײַטשן צו מאַכן אַ ביסל אָרדענונג אויפֿן פּלאַץ. כ'מיין מיט די רויטע און מיט די ..."

וואַניאַ האָט מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט זײַנע ווערטער.

"יאָ, וואַניאַ, איך פֿאַרשטיי וואָס דו מיינסט, -- באַבי-יאַר ... "

"קוק, קליינער! אַ, אַנטשולדיק, יעקבֿ. פֿאַרשטיי, ס'איז דאָך געווען דענטוסמאָל, אין דער מלחמה-צײַט. איך בין געווען זייער יונג און די פּראָפּאַגאַנדע זייער גרויס. פֿאַרגעס נישט, כ'בין קוים אַלט געווען אַכצן יאָר, אַ סמאַרקאַטש, ווי איך האָב דיר שוין

געזאָגט, געגלייבט אין שיינע ווערטער, אין שיינע אידעאַלן וועגן אַ פֿרײַער אוקראַיִנע ... אַלע האָבן וועגן דעם גערעדט, אויך דער פּאָפּ אין דער צערקווע האָט דאָס געפּריידיקט. ער האָט געזאָגט, אַז די דײַטשן זענען אונדזערע באַפֿרײַערס, אַז מיר זענען די האָפֿענונג, די צוקונפֿט פֿון אַ באַפֿרײַטער אוקראַיִנע, אַז מיר זענען גרויסע אידעאַליסטן, העלדן, פּאַטריאָטן, וואָס קעמפֿן קעגן די טײַוולאָנישע אַפּיקורסים, אַז מיר, די פֿרײַוויליקע, זענען די איינציקע רעטערס פֿונעם פּראַוואָסלאַווישן גלויבן, פֿון דעם גאַנצן קריסטנטום ...״

"פֿאַרשטייסט?! -- האָט וואַניאַ געהויבן זײַן קול -- אַזוי דאַרף מען דאָס זען און פֿאַרשטיין! דו קענסט מיך נישט סתּם אַזוי באַשולדיקן. נישט איך, דער פויערן-זון פֿון אַ קאָלכאָזניק האָט וועגן אַזעלכע גרויסע זאַכן דעצידירט. עס זענען געווען וויכטיקע מענטשן, פּערזענלעכקייטן, געלערנטע, פּראָפֿעסאָרן, גענעראַלן, פּאָפּן, ביסקופּן, וואָס האָבן וועגן די זאַכן דעצידירט, געפּריידיקט, פּראָפּאַגאַנדירט.״

וואַניאַ איז פּלוצלינג שטיל געבליבן, אַ פֿאַרקלערטער. מיר זענען געגאַנגען שווײַגנדיק איבער די רווישנדיקע באַלויכטענע בערלינער גאַסן, יעדער איינער אַרײַנגעטאָן אין זײַנע זכרונות. ס׳האָט אויסגעזען ווי קיינער פֿון אונדז וויל מער וועגן דעם נישט רעדן. איך האָב מיט אַ זײַטיקן בליק דערזען דעם קרעפֿטיקן מאַן לעבן מיר, ווי מײַנס אַ שאָטן, ווי ער וואָלט מיט אַ מאָל אײַנגעשרומפּט געוואָרן. זײַן אַטלעטיש קרעפּקע פֿיגור איז געווען אײַנגעבויגן פֿאָרויס, זײַנע ברייטע פּלייצעס אײַנגעהויקערט, ווי בײַ אַן אַלטן מאַן, און זײַנע קינבאַקן אײַנגעפֿאַלן. אַ מאָדנעם מיטלייד האָב איך דערפֿילט צו דעם גאַנצן סילועט, אַ מיטלייד, ווי צו אַן אַלטן אומבאַהאָלפֿענעם מאַן, וועמען מען דאַרף אויסשטרעקן אַ האַנט אַדורכצופֿירן דעם וועג. ס׳האָט מיך עפּעס געצוקט בײַם האַרצן, גערייצט פֿון אַן אויסערגעוויינלעכער נײַגעריקייט, און כ׳האָב איבערגעהאַקט די פֿײַנלעכע שטילקייט:

"נו, וואַניאַ, פֿאָרויס, דערצייל ווײַטער!״ איך האָב פּרובירט אים צוגעבן מוט. כ׳האָב פּלוצלינג דערפֿילט זײַן שווערע וואַרעמע האַנט אויף מײַנע אַקסעלן. מיר זענען שטיין געבליבן און זיך אָנגעקוקט ווי אַ פֿאַרליבט פּאָרל, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געטראָפֿן. ער האָט מיך אַרומגענומען, צוגעדריקט צו זיך און אויסגערופֿן:

"זאָל די גאַנצע וועלט פֿאַרברענט ווערן, פֿאַרסאַרפֿענען! מיר זענען ברידער! כ׳זע, יעקבֿ , אַז דו האָסט ליב מיך אויסצוהערן און דאָס איז גוט! אָבער קודם וויש דיר אָפּ דעם שווייס פֿון שטערן, ביסט דאָך אין גאַנצן נאַס, קענסט דיך נאָך פֿאַרקילן -- און ער האָט ווײַטער דערציילט -- נאָך אַ צײַט האָט מען אונדז, פֿרײַוויליקע, אַוועקגעשיקט קיין פּוילן. אין פּוילן איז דעמאָלט געווען זייער גוט, צו פֿרעסן און צו טרינקען ביז איבערן קאָפּ, אויך נקבֿות האָבן נישט געפֿעלט. מיר פֿלעגן אַהיים שיקן פּעקלעך פֿון אַל דאָס גוטס צו אונדזערע משפּחות קיין אוקראַיִנע און, פֿאַרשטייט זיך, געהאָפֿט, אַז די מלחמה וועט זיך אין קורצן פֿאַרענדיקן, ווי נאָר סטאַלין וועט זײַן פֿאַרטיק, קאַפּוט. נאָך עלף חדשים אָפּזײַן אין פּוילן האָבן מיר באַקומען אורלויב אויף צוויי וואָכן. מיר האָבן גענומען דעם צוג פֿון קראָקע קיין לוואָוו און פֿון דאָרט קיין קיִעוו.

"פֿון קראָקע? -- האָב איך אים איבערגעהאַקט -- דו ביסט געווען אין קראָקע?״

"און נאָך ווי! איך קען קראָקע ווי מײַן אייגענע האַנט. וואָס, דו ביסט אַ קראָקעווער?"

"ניין, איך בין פֿון אַ שטעטל נישט ווײַט פֿון קראָקע, אָבער ווען איך האָב זיך געראַטעוועט פֿון דער אַקציע, זומער 42, האָב איך אַ קורצע צײַט געלעבט אין קראָקעווער געטאָ."

"אויב אַזוי, -- איז וואַניאַ אויסגעבראָכן מיט זײַן באַקאַנטן הילכיקן,ווילדן געלעכטער -- אויב אַזוי האָב איך דיך נישט בלויז באַפֿרײַט, נאָר אויך גוט באַוואַכט! איך בין דאָך דאָרטן געווען אַ 'ווערקשוץ', אַ שוואַרצער, ווי מ'האָט אונדז גערופֿן, און באַוואַכט די ייִדן פֿון געטאָ, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט אויף די באַושטעלן."

"צי דו האָסט מיך אַזוי גוט באַוואַכט, בין איך נישט אַזוי זיכער, הער וואַכמאַן" -- האָב איך זיך אָנגעהויבן צו רייצען מיטן אוקראַיִנער, -- איך פֿלעג מיך דאָך פֿון צײַט צו צײַט אַרויסשמוגלען פֿון געטאָ אויף דער אַרישער זײַט מיט מײַן קוזין מאָניעק עפּעס צו אָרגאַניזירן און בײַ נאַכט, ווען ס'איז געוואָרן פֿינצטער, צוריק זיך אַרײַנגעשמוגלט אין געטאָ אַרײַן מיט איינער פֿון די גרופּעס אַרבעטערס וואָס דו האָסט אַזוי גוט באַוואַכט" ...

אַזוי? -- האָט זיך וואַניאַ געוווּנדערט האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט, ווי ער וואָלט זיך טאַקע געפֿילט אָפּגענאַרט -- און וואָס האָט איר אַזוינס אַרײַנגעשמוגלט אין געטאָ אַרײַן?"

"וואָס הייסט, וואָס? וואָס ס'האָט זיך געלאָזט! למשל, פֿולע קעשענעס מיט קאַרטאָפֿל, ציבעלעס, אַ ברייטל און אַז מע האָט געהאַט מזל, אויך אַ שלענגל קראַקאָווסקע קעלבאַסע."

"וואָס? קראַקאָווסקע קעלבאַסע האָסטו געזאָגט? האָסטו טאַקע געהאַט מזל, וואָס כ'האָב דיך נישט געפּאַקט בײַ דער האַנט, איך וואָלט בײַ דיר גלײַך צוגענומען די קעלבאַסע! ס'איז דאָך נישטאָ עפּעס בעסערס ווי אַ פֿערטעלע וואָדקע מיט אַן איבערבײַס פֿון קראַקאָווסקע קעלבאַסע!"

"איך בין זיכער, וואַניאַ, אַז נישט בלויז די קעלבאַסע וואָלטסטו בײַ מיר צוגענומען, נאָר אויך דאָס לעבן. דו ווייסט גאַנץ גוט, וויפֿל אַזעלכע ווי איך האָבן דענטסמאָל באַצאָלט מיטן לעבן פֿאַר אַזאַ מין שמוגל ..."

"נו, הער שוין אויף, צו אַל די רוחות! פֿאַרשטייסט נאָך אַלץ נישט, אַז ס'איז געווען דענטסמאָל גאַנץ אַנדערע צײַטן, גאַנץ אַנדערע אומשטאַנדן."

"יאָ, וואַניאַ, כ'וואָלט זייער געוואָלט פֿאַרשטיין, אָבער כ'פֿאַרשטיי ליידער נישט."

"דו פֿאַרשטייסט נישט, ווײַל דו ווילסט נישט פֿאַרשטיין! אָדער ביסט צו שוואַך צו פֿאַרשטיין! יאָ, ווּ האָב איך מיך אָפּגעשטעלט?"

דו שפּרינגסט מיר יעדער מינוט אַרײַן אין מיטן און לאָזט מיך נישט רעדן," -- האָט זיך וואַניאַ אויפֿגערעגט.

"אַנטשולדיק, וואַניאַ, פֿאָר ווײַטער."

"אַ, יאָ, כ'ווייס שוין ווו כ'בין. אַלזאָ, מיר האָבן גענומען די באַן פֿון קראָקע קיין לוואָוו און פֿון דאָרטן קיין קיִעוו. מיר האָבן פֿאַרנומען כּמעט אַ האַלבע באַן מיט וואַגאָנען און ס'איז געווען פֿריילעך. מיר האָבן געטרונקען, געזונגען דעם גאַנצן וועג אַהיים און די האַרמאָשקע האָט נישט אויפֿגעהערט צו שפּילן. יעדער איינער האָט מיט זיך געפֿירט פּעקלעך, מתּנות פֿאַר זײַן פֿאַמיליע. איך האָב מיט זיך געפֿירט צוויי גרויסע אויפֿגעשוואָלענע וואַליזעס מיט אַ גרויסן אָנגעשטאָפּטן רוקזאַק פֿון אַלעם גוטן. קליידער פֿאַר מײַן מאַמען, פֿאַר מײַן שוועסטערל גאַלינאַ און אַן אָנצוג מיט אַ פּאָר קערזאָווע שטיוול פֿאַרן טאַטן. הכּלל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, עס איז געווען פֿריילעך אויפֿן האַרצן טראָץ דער מלחמה, און ווי איך האָב דיר שוין געזאָגט, בין איך געווען זייער יונג, מיט אַ סך האָפֿענונג און געווען זיכער, אַז די מלחמה גייט צו אַן ענדע. ווי גרויס איז אָבער געווען מײַן בראָך, מײַן חורבן!

ווען כ'בין אַהיים געקומען אין מײַן דאָרף אַרײַן, האָב איך דאָרטן גאָרנישט מער געטראָפֿן ווי גרוזעס מיט פֿאַרברענטע שטיינער. אין אָנהייב האָב איך געמיינט, אַז כ'האָב זיך פּשוט פֿאַרבלאָנדזשעט, אַז דער טײַוול האָט מיך פֿאַרפֿירט.

ליידער האָב איך נישט געהאַט פֿאַרבלאָנדזשעט און קיינער האָט מיך נישט געהאַט פֿאַרפֿירט. דאָס האָבן די דײַטשן, פּראָסט און פּשוט, אויסגעקוילעט אַלע מענטשן און פֿאַרברענט דאָס גאַנצע דאָרף, די הײַזער מיט די מענטשן צוזאַמען, פֿרויען און קינדער, געוני געמאַכט מיט זיי ווי מיט די ייִדן. פֿון אונדזער הויז איז נישט געבליבן קיין זכר. קיין איינער איז נישט אַרויס קיין לעבעדיקער, קיין איינער נישט! און פֿאַר וואָס? ווײַל עטלעכע פּאַרטיזאַנערס האָבן זיך געהאַט אויסבאַהאַלטן אין איינער פֿון די כאַלופּעס.

שטעל דיר פֿאָר, איך, איוואַן סטעפּאַנאָוויטש, דין זיי, די דײַטשן, פֿרײַוויליק, געטרײַ ווי אַ הונט, און זיי נעמען און קוילען אויס מײַנע טײַערסטע, מײַן גאַנצע משפּחה און פֿאַרברענען מײַן הויז. וואָס זענען מיר דען, ייִדן? קאָמוניסטן? נו זאָג אַלײַן, יעקבֿ! ביסט דאָך נישט קיין נאַר! זאָג! וואָס איז מײַן מאַמע, מײַן טאַטע, מײַן קליין שוועסטערל גאַלינאַ געווען שולדיק, אַז עטלעכע פּאַרטיזאַנערס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין איינער פֿון די כאַלופּעס? איך בין פּשוט אַראָפּ פֿון זינען, משוגע געוואָרן.

"דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט בין איך געלעגן אויף די חורבֿות פֿון אונדזער פֿאַרברענט הויז, געקלאָגט, געוויינט, געוואָלט זיך אומברענגען פֿון צער, פֿון ווייטיק, פֿון חרפּה."

"אַ טויט די גערמאַנצעס! -- האָב איך דעם פֿערטן טאָג אין דער פֿרי, פֿאַרסמאַליעט, אויסגעהונגערט, אויסגעקלאָגט, באַשלאָסן. כ'בין אַרײַן אין וואַלד און געזוכט די פּאַרטיזאַנערס. צו ערשט בין איך נאָך אַרײַן אין קאָלכאָז, פֿאַרטיק געמאַכט דעם וועכטער און צוגענומען דאָס געווער בײַ אים. פֿאַרגעס נישט, אַז די פּאַרטיזאַנערס האָבן דענטוסמאָל צום ליבסטן אַרײַנגענומען מענטשן מיט געווער אין האַנט.

"נאָך עטלעכע טעג וואַלגערן זיך אין וואַלד האָב איך אויף זיי אָנגעטראָפֿן. איך האָב זיי אַלץ דערציילט, דעם גאַנצן אמת. צווייטנס -- זיי האָבן דאָך אַלץ אַליין געזען, איך האָב דאָך נאָך אויף זיך געטראָגן דעם שוואַרצן מונדיר מיטן טויטנקאָפּ. כ'האָב זיי, פּשוט, געזאָגט, אַז איך וויל נקמה נעמען אין די דײַטשן און אַז מײַן לעבן איז מיר

נישט וויכטיק. פֿון אָנהייב זענען זיי מיר חושד געווען, אַז איך בין אַ שפּיאָן און געוואָלט מיך אַוועקליִיגן. אָבער באַלד זענען זיי אַלץ געוויר געוואָרן און ס׳האָט אַלץ געשטימט. דאָך זענען צווישן זיי געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מ׳דאַרף מיך גלײַך דערשיסן. מײַן מזל איז אָבער געווען, וואָס איינער פֿון די אָנפֿירערס פֿון די פּאַרטיזאַנערס, אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר, אַ מײַאָר מיטן נאָמען מייעראָוויטש, אַ ייִד פֿון פּאָלטאַווע, איז געווען דערפֿאַר, אַז מ׳זאָל מיך דערוויילע נישט שטעלן פֿאַר אַ געריכט. עס זענען איצט נייטיק מענטשן, האָט ער געטענהט, און די אַלע חטאָים וועלן אָפּגערעכנט ווערן נאָכן נצחון. אין יעדן פֿאַל, האָט ער געגעבן צו פֿאַרשטיין, וועט ער בײַ דער ערשטער געלייגנהייט אַוועקשיקן אַ דין-וחשבון קיין מאָסקווע וועגן מײַן ענין און הערן וואָס מ׳וועט באַפֿעלן."

"דערווײַלע האָט מען מיך געשיקט, וואָס הייסט ׳געשיקט׳? איך בין דאָך פֿרײַוויליק אומעטום אַליין געלאָפֿן אויף די געפֿערלעכסטע פּלעצער און אויסגעפֿירט די גרעסטע זאַדאַניעס. אַ סך פּאַרטיזאַנערס האָבן געגלייבט, אַז איך וועל פֿון אַזעלכע געפֿאַרן נישט אַרויס קיין לעבעדיקער. איך בין אָבער געווען גלײַכגילטיק צו מײַן לעבן. דער עיקר איז בײַ מיר געווען נקמה, נקמה צו נעמען אין די דײַטשן."

"נישט איין מאָל האָבן אייגענע חבֿרים פּאַרטיזאַנערס פּרובירט אויף אייגענער האַנט פֿון הינטן מיך אַוועקצולייגן. אָבער אויך דאָ בין איך אַרויס אַ גאַנצער, דער זיגער ... מיט דער צײַט האָט מען פֿאַמעלעך אָנגעהויבן צו פֿאַרגעסן אין מײַן פֿאַרגאַנגענהייט. אַ סך פּאַרטיזאַנערס זענען געפֿאַלן, נײַע זענען צוגעקומען און דער סוף פֿון די דײַטשן האָט זיך אָנגעהויבן."

"ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט צוריק פֿאַרנומען קיִעוו און אוקראַיִנע, האָט מען אונדז, פּאַרטיזאַנערס, אָנגעשלאָסן אין דער רעגולערער אַרמיי, וועלכע האָט אָנגעהויבן שטורעמען פּוילן און שפּעטער דײַטשלאַנד. מײַן נקמה-לוסט לגבי די דײַטשן איז נאָך מער געשטיגן, ווי נאָר מיר זענען אַרויף אויף דער דײַטשער ערד. אין אָנהייב איז אַלץ גוט געגאַנגען. איך האָב מיט זיי געמאַכט געוני דאָס, וואָס זיי האָבן מיט אונדז געמאַכט ... אָבער מיט דער צײַט האָב איך אָנגעהויבן פֿילן, אַז מ׳קוקט אויף מיר קרום. דאָ און דאָרטן, האָט מען מיך געוואָרנט, געגעבן צו פֿאַרשטיין, אַז איך טרײַב איבער. מ׳קאָן נישט אויסהאַרגענען אַלע דײַטשן און אַז פֿרויען מיט קינדער זענען נישט שולדיק. אין די לעצטע וואָכן פֿאַרן סוף האָט מען מיך שוין שטאַרק געוואָרנט, און נישט בלויז מיך ... ס׳האָט שוין באַלד אויסגעזען, אַז נישט אַלע דײַטשן זענען שולדיק. איך האָב זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, וואָס מען רעדט צו מיר און געטאָן ס׳מײַניקע ... איך האָב טאַקע געמיינט, אַז כ׳וועל קענען אויסהאַרגענען אַלע דײַטשן און ווען איך קאָן, גלייב מיר, וואָלט איך דאָס דענטוסמאָל געטאָן."

"דעם לעצטן טאָג פֿונעם קריג, געדענקסטו דאָך, ווי כ׳האָב דיך אַרויסגענומען פֿון דער גרופּע באַפֿרײַטע העפֿטלינגען און באַשטימט, אַז דו זאָלסט ווערן אונדזער דאָלמעטשער. איך האָב דיך ספּעציעל אויסגעקליבן, ווײַל דו ביסט געווען דער קלענסטער און דער ייִנגסטער צווישן אַלע. דו האָסט אַזוי שרעקלעך אויסגעזען, ממש אַ מת, אַז איך האָב אַזש אויף דיר רחמנות באַקומען און כ׳האָב געוואָלט אַז דו, גראָד

דו, דאָס קליינע ייִנגל, וואָס האָט אַזוי פֿיל געליטן און מיטגעמאַכט, זאָל אויך כאָטש אַ ביסל נקמה נעמען אין די דײַטשן, כאָטש אַ קאַפּעטשקעלע פֿילן דעם טעם פֿון נקמה. און פֿאַר וואָס נישט? ס׳איז דיר נישט געקומען? דו האָסט מיך אָבער אין גאַנצן אַנטוישט! און ווען מיר האָבן אַרויסגעוואָרפֿן דעם גערמאַניעץ דורכן פֿענצטער, האָסטו אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, נישט געקאָנט, צי נישט געוואָלט זיך צוקוקן. כ׳רעד שוין נישט פֿון אַנדערע זאַכן, ווי אַזוי דו האָסט זיך אויפֿגעפֿירט, טאַקע ווי אַן אמתדיקער טכויר. כלעבן, ס׳האָט שוין באַלד אויסגעזען, ווי דו וואָלטוסט גאָר זײַ געוואָלט העלפֿן. יאָ, דאָס איס געווען דײַן זשידאָווסקע שוואַכקייט, דײַן פּחדונות! און אפֿשר, ווער ווייסט? אפֿשר איז דאָס געווען בלויז אַ שפּיל, אַן אָנשטעל פֿון דײַן זײַט, פֿון אײַך אַלע?״

"הײַנט ווייסט שוין די וועלט דעם אמת. אַלע באַוווּנדערן דאָך אײַך, אײַערע סאָלדאַטן, אײַער מדינה. גלייב מיר, מען איז שוין אײַך גאָר מקנא און מען פֿאַרגינט אײַך נישט, ווײַל עפּעס קלאַפּט דאָ נישט. מ׳קאָן זיך גאָרנישט צוגעוווינען, אַז ייִדן קאָנען זײַן גוטע סאָלדאַטן, גוטע קעמפֿערס, וואָס קאָנען אַרײַנקלאַפּן דעם שׂונא אין טאַטנס טאַטן אַרײַן. אַ ייִד, לויטן חשבון, דאַרף זײַן אַ פּחדון, אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, ווען מ׳שלאָגט אים. אַזוי וויל די וועלט! אַזוי האָט מען שטענדיק בײַ אונדז אין אוקראַיִנע געזאָגט. געווען אפֿילו אַ לידל אַזאַ: ׳מוישע קאַראַבין״׳ -- און וואַניאַ האָט אָנגעהויבן זינגען דאָס לידל און איך האָב אים גלײַך, צו מײַן גרויסער איבערראַשונג, אונטערגעהאַלטן אין פּויליש, ווי איך האָב עס געקענט נאָך פֿון דער היים:

מאָןסזע מאַ קאַראַבין צעבולאַ נאַבִיטי. קאַזאַלי מו סטרזעלאַצ דאָ סועץ קאָבִיטי ...
אַן, אַן, אַן, באַי, באַי, באַי ...

משה האָט אַ קאַראַבין אָנגעלאָדן מיט אַ ציבעלע. מ׳האָט אים געהייסן שיסן און געשאָסן האָט ער צו זײַן ווײַב... איַי, איַי, איַי, בײַ, בײַ, בײַ

מענטשן זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען און האָבן אויף אונדז געקוקט ווי אויף צוויי משוגעים, אָדער צוויי שיכּורים. מיר האָבן אָבער געהאַלטן אין איין זינגען דאָס לידל און כ׳האָב דערפֿילט אַ גוואַלדיקע נקמה, ממש אַ נצחון איבער דעם קאָמישן אַנטיסעמיטישן לידל און נישט בלויז איבער דעם לידל ... וואַניאַ האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט און באַלד האָב איך אים ווידער געהערט, מיט אַ געלעכטער: ״אײַער בלינדער משה מיט דעם ליאַפּע אויפֿן אויג, אינעם זשידאָווסקע לאַנד, שיסט נישט בלויז מיט אַ ציבעלע ... האַ, האַ, האַ! ...״

"יאָ ... אין דער סאָוויעטישער אַרמיי האָב איך געזען ייִדן וואָס האָבן גאַנץ לײַטיש געקעמפֿט, אויך בײַ די פּאַרטיזאַנערס פֿלעגן זײ זיך שטופּן די ערשטע. מ׳האָט זײ דערפֿאַר טאַקע באַשולדיקט, אַז די זשידעס שטופּן זיך אומעטום די ערשטע. צוריק גערעדט, ווער ווייסט? אפֿשר ביסטו אויך דענטוסמאָל געווען דער שטאַרקער און איך גאָר דער שוואַכער?״

יאָ, דענטוסמאָל ...

וואַניאַ האָט זיך ווידער פֿאַרטראַכט און באַלד ממשיך געווען: בײַ די עקזעקוציעס האָבן די אַראָפּגעלאָזטע קעפּ פֿון די ייִדן זיך מיר אויסגעזען ווי אַ זשידאָווסקע שוואַכקייט, אַ פּחדונות. הײַנט זע איך ערשט אײַן, אַז דאָס איז נישט געווען אַזאַ

שוואַכקייט. די דײַטשן פֿלעגן זיך דאָך בעטן, זיך חנפֿענען פֿאַר זייער לעבן. זייערע ווײַבער און טעכטער האָבן צעשפּרייט די פֿיס, אַבי נאָר זיי דאָס לעבן צו שענקען. אָבער נישט די ייִדן. זיי האָבן זיך געקלאַפּט אין די הערצער בײַ די אָפֿענע גריבער און געבעטן מחילה בײַ זייער זשידאָווסקע גאָט, ווי זיי וואָלטן נאָך אים עפּעס שולדיק געבליבן, אַנשטאָט וואָס זייער גאָט וואָלט געדאַרפֿט בײַ זיי בעטן מחילה...״

"צו מאָרגנס באַלד נאָך דער באַפֿרײַונג האָב איך זיי ווידער געזען, די האַלב-לעבעדיקע סקעלעטן, זיך שאָקלען, בעטן און דאַנקען גאָט. פֿאַר וואָס? וואָס פֿאַר אַ גדולה איז אויף זיי געווען? וואָס פֿאַר אַ טובֿה האָט ער זיי געטאָן? זיי זענען געבליבן לעבן? מע האָט דאָך אַלע זייערע פֿאַמיליעס, אַלע זייערע נאָענטע אומגעבראַכט. טאָ וואָס איז דאָ נאָך צו דאַנקען גאָט? עה, עה, עה! -- האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט -- ווער קען דען אײַך פֿאַרשטיין?!״

ווידער איז וואַניאַ פֿאַרשוויגן געוואָרן אויף אַ רגע:

"יאָ,יאָ, דענטסמאָל ... כ׳געדענק גענוי ווי דאָס וואָלט נעכטן געווען, ווי דו ביסט אײַנגעשלאָפֿן אויפֿן מיידל און ווי איך האָב זי שפּעטער קוים אַוועקגעריסן פֿון דיר. איך ווייס אַליין נישט פֿאַר וואָס, אָבער איך האָב מיט אַ מאָל רחמנות געקראָגן אויף איר און זי נישט דערהאַרגעט. דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב רחמנות געקראָגן אויף אַ דײַטש. און ס׳איז גוט, וואָס ס׳איז אַזוי געשען. ס׳קאָן זײַן ... אַז כ׳האָב שוין גענוג געהאַט דאָס אַלץ, גענוג נקמה גענומען. מײַן בלוט האָט זיך שוין געהאַט אַ ביסל באַרויִקט, נישט מער געקאָכט אַזוי שטאַרק. פֿאַרשטיי, -- האָט וואַניאַ מיט אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן און זיך אַרומגעקוקט -- פֿאַרשטיי, אַז הונדערטער און אפֿשר טויזנטער דײַטשן האָב איך פֿאַרטיק געמאַכט אויף פֿאַרשידענע אופֿאַנים, מיט פֿאַרשידענע מיתות-משונות, ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט... דאָס מיידל אָבער האָב איך געשוינט. זי געלאָזט לעבן. איך האָב זי אַוועקגעפֿירט אין אַ צווייט הויז אַרײַן און זי דאָרטן איבערגעלאָזט בײַ צוויי אַלטע פֿרויען. יעדן טאָג פֿלעג איך זי באַזוכן, ברענגען איר עסן, צו טרינקען, אָבער כ׳האָב זי נישט אָנגערירט, כ׳מיין נישט געשלאָפֿן מיט איר. טעג זענען פֿאַרבײַ, שלום איז געקומען אויף דער וועלט, אָבער נישט פֿאַר מיר.״

"אין אַ שיינעם העלן טאָג זענען געקומען צוויי ענקאַוועדניקעס און האָבן מיך אַרעסטירט. טעג און נעכט בין איך אָפּגעזעסן אין אַ תּפֿיסה נישט וויסנדיק פֿאַר וואָס. כ׳האָב אָבער אָנגעהויבן צו פֿילן, אַז עפּעס קלאַפּט דאָ נישט, אַז ס׳איז נישט גוט מיט מיר. זעט אויס, האָב איך מיר געטראַכט, אַז איצט, נאָך דער מלחמה, האָבן זיי זיך דערמאָנט אין מיר, אין מײַן פֿאַרגאַנגענהייט ... און אַזוי איז טאַקע געווען. נאָך פֿיר וואָכן זיצן האָט מען מיך גענומען אויפֿן צימבל, צום פֿאַרהער. און שטעל דיר פֿאַר, אַז מײַן אויספֿאָרשער איז נישט געווען קיין אַנדערער ווי דער זעלבער מייער מייעראָוויטש, וואָס האָט מיך שוין אַ מאָל געשוינט נאָך בײַ דער פּאַרטיזאַנקע. איצט האָט ער שוין געהאַט אַוואַנסירט אויף פּאָלקאָווניק מייער מייעראָוויטש פֿון דער נ-ק-וו-ד. ער האָט זיך זייער גוט באַנומען צו מיר און האָט אויסגעהערט מיט אַ סך געדולד מײַן גאַנצע געשיכטע.״

"איך האָב אים אַלץ דערציילט. ער האָט אַלץ פֿאַרשריבן, -- און איך האָב אונטערגעשריבן. צום סוף האָט ער אַרויסגענומען אַן אַמעריקאַנסקע סיגאַרעטל און מיך מכבֿד געווען. ער האָט נאָך אַ מאָל אַרײַנגעקוקט אין די פּאַפּירן, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אונטערברומענדיק אונטער דעם נאָז: 'אַ שווערע מעשׂה, אַ קאָמפּליצירטער פּלאָנטער. געדינט דעם אָקופּאַנט, געטראָגן זייער אוניפֿאָרעם' ... און ער האָט נישט פֿאַרענדיקט ... פּאַמעלעך האָט ער אויפֿגעהויבן זײַנע צוויי ברוינע אויגן, לאַנג און דורכדרינגלעך אין מיר אַרײַנגעקוקט און מיט אַ שטילן און רויִקן טאָן געזאָגט: 'איוואַן סטעפּאַנאָוויטש, נאָך בײַם סוף 42, ווען דו האָסט זיך געמאָלדן צו אונדז אין דער פּאַרטיזאַנקע, האָט דיר שוין דענטסמאָל געקומט אַ קויל אין קאָפּ. איך האָב דיך דענטסמאָל געשוינט. נישט צוליב מיטלייד. ניין! עס איז געווען גאַנץ פּשוט. דעמאָלט האָבן מיר נייטיק געהאַט מענטשן צו קעמפֿן פֿאַרן פֿאָטערלאַנד.
אפֿילו מיטן טײַוול אַליין וואָלטן מיר זיך דענטסמאָל פֿאַרבונדן, אַבי צו פֿאַרטרײַבן דעם אָקופּאַנט פֿון אונדזער ערד. הײַנט אָבער, נאָכן נצחון איבער דעם נאַצישן אַגרעסאָר, ווערט אַלץ אָפּגערעכנט. נישט בלויז מיטן אָקופּאַנט, נאָר נאָך מער, און אפֿילו שטרענגער, מיט אונדזערע מענטשן, וואָס האָבן מיט אים מיטגעטאַנצט... איוואַן סטעפּאַנאָוויטש, האָסט אַ סך מזל. נאָך דעם אַלעם ביסטו געווען אַ גוטער אַרמייער, גוט געקעמפּט, תּמיד געלאָפֿן פֿרײַוויליק דער ערשטער, אויסגעפֿירט געפֿערלעכע מיסיעס און אַ דאַנק דעם אײַנגעשפּאָרט אַ סך מענטשלעכע לעבנס. אָבער נישט איך דעצידיר הײַנט וועגן דעם. מיטן ערשטן עשעלאָן וועסטו אָפּגעשיקט ווערן אין לאַנד אַרײַן, און דאָרטן אין דער היים וועסטו שטיין פֿאַר אַ געריכט. מיט אַ צענערל (געמיינט צען יאָר), מיין איך, וועסטו דאָס אַלץ אָפּקומען. דו ביסט זייער יונג און באַשטימט וועסטו דאָס אַדורכהאַלטן'.״
"ווען מ'האָט מיך צוריק אַרײַנגעפֿירט אין מײַן קעמערל האָב איך מיר געטראַכט: אַ צענערל, צי אַ צוואַנטיקערל, ס'איז די זעלבע שײַסע, זיצן וועל איך, און נישט סתּם זיצן, נאָר טאַקע געבן דאָס פֿעלעכל ערגעץ ווײַט פֿאַרוואָרפֿן אין די סיבירסקע טײַגעס. אויב אַזוי, וואַניאַ, האָב איך בײַ זיך געטראַכט, שוין בעסער דער טויט! און געמאַכט דעם לעצטן פּרווו ... און זע וואָס פֿאַר אַ בר-מזל איך בין געווען. אויך דאָס מאָל איז מיר געלונגען. צוויי סאָלדאַטן, מײַנע שומרים, האָבן דערפֿאַר באַצאָלט מיטן לעבן, איך בין אָבער אַרויס אַ גאַנצער, אַ פֿרײַער, אָן אַ ראַטוסל. כ'האָב זיך גלײַך אָפּגעטראָגן און בין אַריבער אויף דער צווייטער זײַט, צו די אַמעריקאַנער. כ'בין אַרײַן אין אַ פּליטים-לאַגער און פֿאַרשוווּנדן אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען.
"מיט אַ צײַט שפּעטער האָב איך מיך פֿאַרבונדן מיטן מיידל. זי איז גלײַך צו מיר אַריבערגעקומען, נו וועסט ניט גלייבן ... זי איז געווען פֿאַרליבט אין מיר און הײַנט צו טאָג איז זי מײַן געליבטע פֿרוי. אונדזער טעכטערל איז שוין באַלד פֿופֿצן יאָר אַלט און הייסט גאַלינאַ. זי איז ווי צוויי טראָפּנס וואַסער ענלעך צו מײַן געוועזן שוועסטערל גאַלינאַ, וואָס די נאַציס האָבן אומגעבראַכט״.
וואַניאַס לעצטע ווערטער האָבן מיר אונטערגעהאַקט די פֿיס. כ'בין שטיין געבליבן אויפֿן אָרט און כ'האָב מער נישט געקענט קיין איין טריט פֿאָרויסשטעלן.

"וואָס האָסטו זיך ווידער אָפּגעשטעלט? אָט אויף יענער זײַט גאַס איז שוין אונדזער הויז".

אָן צו טראַכטן, אָן צו זאָגן אַ וואָרט, האָב איך פּלוצלינג אָנגעהויבן צו לויפֿן. כ׳האָב נאָך געהערט וואַניאַס קול רופֿן: "וואָס איז געשען? ווו לויפֿסטו? ווו לויפֿסטו יעקבֿ? ווו לויפֿסטו, קליינער פּאָליאַק, קליינער זשידליאַק? בלײַב שטיין!"

- - -דער אוקראַיִנער האָט מיך גייאָגט מיט זײַנע רויטע הענט, מיט זײַן פֿאַרבלוטיקטן באַגנעט. איך בין געלאָפֿן איבער די בערלינער גאַסן, וואָס זענען געשטאַנען אין פֿלאַמען. אַלץ אַרום איז געווען רויט, רויט פֿון פֿײַער, אַלץ האָט געברענט. פֿון צווישן די ברענענדיקע פֿלאַמען באַווײַזן זיך לאַכנדיקע ווײַסע קלאָונישע פּנימער. זיי האַלטן אין איין לאַכן, ווײַזן מיט די פֿינגער אויף מיר און לאַכן: "אָט, אָט איז ער! ער!" און צעשיטן זיך נאָך מער פֿון געלעכטער, בלויז דאָס פּנים פֿונעם אַקטיאָר האַמבורסקי פֿון תּל-אָבֿיבֿ קוקט אויף מיר פֿון צווישן די פֿלאַמען שווײַגנדיק, מיט זײַנע טרויעריקע אויגן. איך וויל אים פֿרעגן, וואָס איז געשען? פֿאַר וואָס איז ער נישט געקומען אין דעם קאַפֿע "ווײַסע ראָזע" אויפֿן קורפֿירסטנדאַם? אָבער ער דרייט אַוועק דאָס פּנים פֿון מיר און אַ שוואַרצער רויך שלענגלט זיך אַרויס פֿון זײַן קאָפּ - - - מיט אַ מאָל זע איך אַ מויער מיט שטעכלדראָטן פֿאַר זיך! דאָס איז דאָך דער מויער פֿון קראָקעווער געטאָ! אָבער ווי קומט עפּעס דער מויער פֿון קראַקאָווער געטאָ אין מיטן בערלין? אַז כ׳וועל נאָר אַריבער דעם מויער, וועל איך זײַן אַ געראַטעוועטער. די דײַטשן דערשיסן אַלע ייִדן וועמען זיי כאַפּן אויסער דעם מויער. עס איז שוין נישט ווײַט ביז צו דעם מויער, אָבער וואָס מער איך דערנענטער מיך צו דעם מויער, אַלץ מער דערווײַטערט זיך דער מויער פֿון מיר, -- אַלץ ווײַטער און ווײַטער. איך האַלט אין איין לויפֿן מיט די לעצטע כּוחות, מיט דעם לעצטן אָטעם.

כ׳קען מער נישט אָטעמען, איך קען נישט דעם אָטעם כאַפּן, כ׳ווער דע-רש-טי-קט ... און פֿאַל אַרײַן אין אַ תּהום, אין אַ שוואַרצן אָפּגרונט אַרײַן. איך האַלט אין איין פֿאַלן אַרונטער, אַרונטער אָן אויפֿהער, אָן אַ סוף. וואַניאַ און די שיינע פֿרוי מיט די צעשפּרייטע פֿיס פֿאַלן מיט מיר צוזאַמען, "האַק", שרײַט דער אוקראַיִנער, "האַק! אָדער איך מאַך דיך פֿאַרטיק!!!"

איך האַק און האַק און קאָן בשום-אופֿן נישט אַרײַנהאַקן. די שיינע פֿרוי מיט די צעשפּרייטע פֿיס לאַכט פֿון מיר:

"דאָ! דאָ! דאַרפֿסטו האַקן! -- ווײַזט זי מיטן פֿינגער -- אַזוי ווי וואַניאַ באַפֿעלט." אַ שלאַקס בלוט פֿאַרגיסט מײַן פּנים ...

דאָס טעלעפֿאָן-געקלינגערײַ אין האָטעל-צימער לייזט מיך אויס פֿון דעם קאָשמאַרן חלום. כ׳לויף צו און הייב האַסטיק אויף דאָס טרײַבל:

- -האַמבורסקי???? ...

פֿון דער צווייטער זײַט טרײַבל הער איך אַ העפֿלעכע פֿרויען-שטים:

"שענעם גוטן-מאָרגען, מײַן הער, זינד זי גוט געשלאַפֿען? עס איסט שאָן מיטאָג-שטונדע בלײַבען זי נאָך הויטע נאַכט בײַ אונדז?"

"נײַן מײַנע דאַמע, דאַנקע שען!" -- האָב איך נערוועז אַרײַנגעשריגן אין טרײַבל אַרײַן, "איך בלײַב ניכט מער אין בערלין."

מיט צוויי שעה שפּעטער בין איך שוין געזעסן אין צוג בערלין-בריסעל.